בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת לך לך
יא מרחשון
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 4
(91)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת - מַסְעֵי, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְדִינָה וָואס דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, אַלֶעס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען גֶעוָואנְדְן אִין גֶעלְט, וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט גֶעלְט אִיז גֶעוֶוען חָשׁוּב, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען חָשׁוּב, וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט כַּךְ וְכַךְ גֶעלְט אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי אַ רֹאשׁ הַקָּהָל, אַ שְׁטֶערְן, בִּיז זֵיי הָאבְן שׁוֹין גֶעהַאט מַזָּלוֹת אוּן גָאטְן, אוּן דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט וֵוייניג גֶעלְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זֵיי קַיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַיָּה. וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פוּן דֶעם גֶעהֶערְט הָאט עֶר מוֹרָא'דִיג רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט זֵיי, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין זֵייעֶר נַארִישֶׁע שִׁיטָה אַז זֵיי הָאבְן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ אִים.

פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער גִּבּוֹר צוּ דֶעם מְדִינָה, דֶער גִּבּוֹר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַיינְגֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט חָרוּב צוּ מַאכְן דִי וֶועלְט, נָאר זַיין זַאךְ אִיז גֶעוֶוען אוֹיב גֶעבְּט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער לָאזְט עֶר אָפּ, אוֹיב וִויל מֶען זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער גֶעבְן מַאכְט עֶר חָרוּב דִי גַאנְצֶע מְדִינָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אִים; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דֶער גִּבּוֹר גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי 'מִדַּת הַגְּבוּרָה' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁוֶועריקֵייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָא אֵיין עֵצָה זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ

מִיר לֶערְנֶען אִין דִי גְמָרָא (יְבָמוֹת קכא.) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַרְפוֹן הָאט דֶערְצֵיילְט, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אוֹיף אַ שִׁיף אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוּן אַ צְוֵוייטֶע שִׁיף אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן. אוֹיפְ'ן שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן אַז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם צַדִּיק זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט 'וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען וִוי עֶר אִיז דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן!' אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, זָאג מִיר דִי מַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶעט פוּנֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם שִׁיף, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף דִי בְּרֶעט אוּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ כְוַואלְיֶע הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן דֶעם קָאפּ בִּיז דִי וַואל אִיז אַרִיבֶּער, בִּיז אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): **"מִכָּאן אָמְרוּ חֲכָמִים אִם יָבוֹאוּ רְשָׁעִים עַל אָדָם יְנַעְנֵעַ לוֹ רֹאשׁוֹ"**, פוּן דֶעם זֶעט מֶען, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט רְשָׁעִים, אָדֶער עֶר לַיידְט צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דָא אֵיין עֵצָה 'בֵּייג זִיךְ אַיין דַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן'.

אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם מְדִינָה הָאבְן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּנְטֶער גֶעבְן פַאר'ן גִּבּוֹר, וַוייל דֶער גִּבּוֹר אִיז קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג, דֶער גִּבּוֹר אִיז מְמַאֵס גֶעלְט אוּן בַּיי זֵיי אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען גֶעלְט, הָאבְן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן גִּבּוֹר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ דִי תַּלְמִידִים: קוּקְט אַרַיין אִין לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אִין אִידִישׁ, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פְרוֹיעֶן וָואס קֶענֶען נִישְׁט הָאבְן קַיין קִינְדֶער, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר וֶועלְן זֵיי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוֹיךְ אִיז עֶס אַ סְגוּלָה אוֹיפְצוּאֶוועקְן אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאל מֶען עֶס דְרוּקְן אִין אִידִישׁ כְּדֵי יֶעדֶער זָאל עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם לָשׁוֹן

פוּן רֶבִּי'ן אִינֶעוַוייְנִיג.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ דֶער מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר.

אוּן דֶער מְמוּנֶה אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם גִבּוֹר אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

## רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֵייגְט דָא צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטִיקְל:

(אוּן דֶער מְמוּנֶה פְלֶעגְט זֵיי בְּוַדַאי אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטְרָאפִין אוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶעם גֶעלְט. נָאר עֶר הָאט זֵיי נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דְרִינֶען זֵייעֶר אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט מַחְמַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער מְמוּנֶה הָאבִּין שׁוֹין מִיט זֵיי פִיל גִישְׁמוּסְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסִיל מְבוּלְבָּל גִיוָוארִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זָאגִין. אַדְרַבָּא. נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. חָאטְשֶׁע זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיהַלְטִין שְׁטַארְק אִין זֵייעֶר נַארִישֶׁער דֵעָה. אוּן הָאבִּין גָאר נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט. נָאר זֵיי פְלֶעגִין שׁוֹין פָּארְט זָאגִין אַז מֶע הָאט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז מִיר זֶענֶען אִין טָעוּת. נָא נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט)

### נֶעמְט מִיר אַרוֹיס

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, וַוייל אָנְהֵייבּ מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם מְדִינָה זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְקְרָאכְן אִין דִי נַארִישֶׁע שִׁיטָה פוּן גֶעלְט, אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה: **"אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי אַז מִיר זֶענֶען אִין אַ טָעוּת, נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן"**, זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אוֹיבּ מֶען אִיז דָבוּק צוּ צַדִיקֵי אֱמֶת, מֶען הַאלְט זִיךְ בַּיים צַדִיק, מֶען הַאלְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת, מֶען אִיז אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין פַארְדְרֵייטֶע נַאטוּרְן, אוּן אִין דִי בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַשְׁמַע נָאכְמֶער, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַזוֹי פַארְדְרֵייְדְט אַז עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַ פַארְדְרֵייטֶע לֶעבְּן, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן דִי נָארְמַאלֶע לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אוֹיבּ דְרֵייְדְט עֶר זִיךְ בַּיים צַדִיק, וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט אַלֵיינְס אָנְהֵייבְּן שְׁרֵייעֶן: **"נֶעמְט מִיר אַרוֹיס", "פַארֶערְכְט מִיר, מַאךְ מִיר וֶועלְן לֶעבְּן דִי נָארְמַאלֶע לֶעבְּן".**

### כָאטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

עֶס אִיז דָא אַמָאל מֶען הֶערְט אַ תּוֹרָה פוּן אַ צַדִיק, מֶען הֶערְט אַ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם, אִיךְ וִויל זַיין דִי פַארְקֶערְטֶע, אִיךְ וִויל אֲפִילוּ נָאכְנִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף', צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נִסָיוֹן צוּ שְׁנַיידְן דִי פֵּיאוֹת, דִי בָּארְד, אוּן עֶר הֶערְט אַ דְרָשָׁה פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן פֵּיאוֹת, פוּן גֵיין מִיט אַ בָּארְד, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע 'דְיוּקְנָא קַדִישָׁא', אַז דִי גַאנְצֶע שֶׁפַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט בִּזְכוּת דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אָבֶּער עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן אַזוֹי, אִיךְ בִּין יֶעצְט אַיינְגֶערֶעדְט אַז אָן פֵּיאוֹת אוּן בָּארְד אִיז מֶען שֵׁיין, אִיךְ בִּין אַיינְגֶערֶעדְט אַז נָאכְמַאכְן דֶעם גוֹי אִיז שֵׁיין', פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט כָאטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, קֶענְסְט דָאךְ אָנְהֵייבְּן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אֲפִילוּ דוּ ווילְסְט עֶס נָאכְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם מְדִינָה וָואס הָאבְּן בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן דָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם מְמוּנֶה עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין דֶערְפוּן.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיים בַּעַל תְּפִלָּה, בַּיים צַדִיק, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין עַל כָּל פָּנִים צוּ בֶּעטְן: **"אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי אַז מִיר זֶענֶען אִין אַ טָעוּת, נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן".**

הָאט דֶער מְמוּנֶה זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ דֶער מְדִינָה. אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבִּין אֵיין עֵצָה (אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר) וָוארִין אִיךְ וֵוייס דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם גִבּוֹר. פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט זַיין גְבוּרָה. אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער גִבּוֹר זַיין גְבוּרָה. בְּכֵן וֶועל אִיךְ מִיט אַייךְ גֵיין צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. אוּן דָארְךְ דֶעם וֶועט אִיר קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר. (וָוארִין אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶען גְבוּרָה פוּן דָארְט) אוּן דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם מְמוּנֶה אִיז גִיוֶוען אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין אַהִין קוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶעם שְׁוֶוערְד. וֶועלִין זֵיי זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. (וָוארִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. דָארְךְ דֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט כַּנַ"ל) הָאט דִי מְדִינָה צוּ גִינוּמֶען זַיין עֵצָה. אוּן הָאבִּין אַרוֹיס גִישִׁיקְט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין. אַז זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מְמוּנֶה צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. (אוּן דִי גָאטִין דְהַיְינוּ דִי עֲשִׁירִים זֵייעֶרֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנֶה. זֶענֶען בְּוַדַאי גִיגַאנְגֶען אָנְגִיטָאן אִין צִירוּנְג פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער. וָוארִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גִיוֶוען) זֶענֶען זֵיי אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען. דֶער מְמוּנֶה מִיט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הֵייסִין בַּיי זֵיי גָאטִין.

הָאט דֶער מְמוּנֶה מוֹדִיעַ גִיוֶוען דִי זַאךְ צוּ גִבּוֹר. בַּאֲשֶׁר עֶר גֵייט מִיט זֵיי זוּכִין דָאס אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד. אוּן זַיין כַּוָונָה אִיז. טָאמֶער וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין וֶועג צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר אָנְגִירוּפִין. אִיךְ וֶועל אוֹיךְ גֵיין מִיט דִיר הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר פַארְשְׁטֶעלְט. (כְּדֵי דִי לַייט וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיט דֶעם מְמוּנֶה זָאלִין נִיט וִויסִין אַז עֶר אִיז דָאס דֶער גִבּוֹר אַלֵיין) אוּן אִיז אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנֶה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דֶער מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר) זֵיי וֶועלִין דָאס מוֹדִיעַ זַיין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיךְ. הָאבִּין זֵיי אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען. הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. עֶר וִויל אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי. אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אָנְגִיזָאגְט זַיינֶע לַייט. אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אַז זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל זֵיי מַצְלִיחַ זַיין זֵייעֶר וֶועג. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט תָּמִיד דְרוֹיף מִתְפַּלֵל צוּ זַיין. אַז סֶע זָאלִין זִיךְ אָפְּזִיכִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. אוּן פְלֶעגְט תָּמִיד הֵייסִין זַיינֶע לַייט אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט תְּפִילוֹת וָואס זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן אִיצְט וִוי עֶר הָאט גִיוָואלְט גֵיין צוּ דֶעם מְמוּנֶה מִיט דֶער גִבּוֹר כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין זוּכִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט. הָאט עֶר זֵיי נָאךְ מֶער אָנְגִיזָאגְט. אַז זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין תָּמִיד. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען זֵיי. אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ דֶעם מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז בְּוַדַאי צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת כַּנַ"ל. זֶענֶען דִי אַלֶע דְרַיי גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם.

דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנֶה אוּן דֶער גִּבּוֹר אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן דִי גָאטִין דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען מִיט זֵיי גִיוַואנְגֶען.

### וֶוער אִיז מַיין רֶבִּי?...

אִיךְ בִּין אַמָאל אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, שְׁטֵייט דָארְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת, אַ חֲסִידִ'ישֶׁער אִיד מִיט אַ ווַייסֶע בָּארְד, אוּן הֵייבְּט מִיר אָן טְשֶׁעפֶּען אוּן חוֹזֵק מַאכְן ווֶעגְן בְּרֶסְלֶב, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים זָאגְט עֶר מִיר: **"דוּ ווַייסְט ווֶער מַיין רֶבִּי אִיז?"** אִיךְ קוּק אִים אָן, אוּן עֶר נֶעמְט אַרוֹיס פוּן טַאשׁ אַ הוּנְדֶערְטֶער אוּן זָאגְט מִיר: **"בֶּעֶנְדְזְשֶׁעמֶען פְרֶענְקְלִין אִיז מַיין רֶבִּי!"** אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַ אִיד זָאל אַזוֹי רֶעדְן? אֲפִילוּ פַאר אַ ווֶערְטְל זָאל אַ אִיד זָאגְן אוֹיף גֶעלְט 'דָאס אִיז מַיין רֶבִּי?' דָאס אִיז דַיין גְלוֹיבּוּנְג?! - מִיט דֶעם אַלֶעם אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ ווָאס אִיז אַזוֹי פַארְקְרַאכְן אַז עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט, אוּן אַז גֶעלְט קֶען אִים הֶעלְפְן, אוֹיבּ דְרֵיידְט עֶר זִיךְ בַּיי צַדִּיקִים, עֶר הֶערְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - ווֶעט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

### הִתְבּוֹדְדוּת פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ

ווָאס אִיז גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים? דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סח) דִי גַאנְצֶע סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז דִי הִתְבּוֹדְדוּת פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ; דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעווֶען אַזַא נִרְדָּף, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי זַיינֶע בְּרִידֶער; דִי סַנְהֶדְרִין - הָאבְּן אִים גֶעווָאלְט פַּסְלְ'ן פוּן זַיין אַ אִיד; זַיין שְׁווֶער - שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ; זַיין ווַייבּ - הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; נָאכְדֶעם זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וְכוּ'; ווָאס הָאט עֶר גֶעטוֹן, עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְ'ן טָאג, עֶר אִיז גֶעווֶען אַ קֶענִיג, עֶר אִיז גֶעווֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶער אוּן סָאלְדַאטְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי' ווֶען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, ווֶען עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט, הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְטֶערְן דֶעק הָאט עֶר גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): **"אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי"**, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט אִין מַיין בֶּעט, **"בְּדִמְעָתִי"**, מִיט מַיינֶע טְרֶערְן, **"עַרְשִׂי אַמְסֶה"**, ווֶערְט מַיין בֶּעט נַאס.

דֶערְפַאר הָאט דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאגְט תְּהִלִּים אוּן יֶעדֶער שְׁפִּירְט אַז דָאס אִיז סְפֶּעצִיעל גֶעמַאכְט פַאר אִים, ווַייל דָאס זֶענֶען פֶּערְזֶענְלִיכֶע בַּקָּשׁוֹת ווָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעווֶען. אָבֶּער מִיר דַארְפְן דָאס נָאכְמַאכְן, מֶען דַארְף אוֹיךְ מוֹסִיף זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### הֶערְן דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז עֶפֶּעס "אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ע זַאךְ", ווָאס הָאסְטוּ מוֹרָא עֶס צוּ פַארְזוּכְן? ווָאס הָאסְטוּ מוֹרָא עֶס טוֹעֶם צוּ זַיין? דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. אֱמֶת אַז אִין אָנְהֵייבּ אִיז דָאס שְׁווֶער צוּ טוּן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס) טַייטְשְׁט דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, מִשְׁנָה ב): "חֵרֵשׁ שֶׁדִּבְּרוּ בוֹ חֲכָמִים בְּכָל מָקוֹם, שֶׁאֵינוֹ לֹא שׁוֹמֵעַ וְלֹא מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַזוֹי, פַארְווָאס אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ **'אֵינוֹ מְדַבֵּר'**, פַארְווָאס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינְעֶם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, ווָאלְט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי, ווַייל עֶר אִיז אַ **'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ'** - עֶר הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּנֶעם צַדִּיק, דֶערְפַאר רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען ווֶערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, ווֶערְט מֶען אַ 'מְדַבֵּר', מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֶערְן דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, מֶען מוּז הֶערְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי גֵייעֶן דִי עֵצוֹת אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל לֶעבְּן דֶערְמִיט.

### אַ גֶעט צוּלִיבּ שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן הֶערְן שִׁיעוּרִים אוֹיף אֱמוּנָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מַיין מַאמֶע תְּחִי' דֶערְצֵיילְט מִיר, דִי ווָאךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אַ זֶעכְצִיג יֶערִיגֶע קָאפֶּל, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶטְ'ן, מַיין מַאמֶע פְרֶעגְט מִיר: "אִיךְ מֶעג אַרַיין גֵיין? אִיךְ הֶער אַרוֹיס פוּן אָפִּיס זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, זֵיי טַעֲנָה'נֶען זִיךְ אוֹיף שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים", דִי פְרוֹי שְׁרַייט: "אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט אַ סְעוּדָה, אוּן אִיךְ בִּין אַרוֹיס פַאר אַפָּאר מִינוּט, ווֶען אִיךְ קוּם אַרַיין זֶע אִיךְ ווִי עֶר הָאלְט שׁוֹין נָאךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה", מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר אִיךְ הֶער דָארְט אוּנְטֶער אַזֶעלְכֶע שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, מֶען דַארְף אִים פְּשׁוּט גֶעבְּן אַ צִי אִין בָּארְד אִים אוֹיסְלֶערְנֶען פְּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן; זִי גְרֵייט דִיר אַלֶעס אָן, זִי מַאכְט פַאר דִיר אַלֶעס, גֶעבּ אִיר דֶעם גוּטְן גֶעפִיל, ווַארְט אוֹיף אִיר, גְרוּס אִיר 'גוּט שַׁבָּת', דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פְּשׁוּט נִישְׁט דִי בִּיסְל שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן, עֶר גֵייט זִיךְ זַיין ווֶעג, ווֶערְט אַ גֶעט צוּלִיבּ שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעלֶערְנְט פְּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה, פְּשׁוּטְ'עֶ שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ ווַייבּ.

דִי מִדָּה פוּן גַּאֲוָה אִיז אַיינְגֶעווָארְצְלְט אִין אַ מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זַאכְן זָאלְן זַיין אַזוֹי ווִי עֶר פַארְשְׁטֵייט, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן קֵיין שְׁלוֹם בַּיִת, ווַייל אִיךְ ווִיל אַזוֹי אוּן זִי ווִיל פַארְקֶערְט, ווִי אַזוֹי זָאלְן צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער אַז מֶען הָאט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער מֶענְטְשׁ ווַייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיסַארְבֶּעטְן מַיינֶע מִדּוֹת, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט**

אָנְגֵיין", קֶען עֶר שׁוֹין אַיינְבֵּייגְן זַיין קָאפּ, זָאל זַיין אַזוֹי וִוי זִי וִויל.

### זֵיי קְרִיגְן זִיךְ פַאר זִיבְּן יָאר...

עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, (דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: קֶען זַיין אַז אִיךְ זָאג שׁוֹין אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה צוּפִּיל מָאל, אָבֶּער פַאר מִיר אִיז עֶס נוֹגֵעַ, אִיךְ וִויל עֶס נָאכְאַמָאל הֶערְן), חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חולין נט.) עֶס אִיז דָא אַ פְלִיג וָואס הֵייסְט "בַּקָא" וָואס לֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אֵיין טָאג, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט'ן פָּאר - קְרִיגְן זֵיי זִיךְ אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דִי נְקֵבָה זָאגְט פַאר'ן זָכָר, "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דוּ הָאסְט גֶעבִּיסְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁוִוימֶען אִין יַרְדֵן אוּן דוּ הָאסְט מִיר נִשְׁט גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן בְּלוּט צוּ עֶסְן, דֶערְפַאר גֵיי אִיךְ נִשְׁט רֶעדְן מִיט דִיר פַאר זִיבְּן יָאר", זֵיי לֶעבְּן קוֹים אֵיין טָאג אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ פַאר זִיבְּן יָאר... קוֹדֶם כֹּל, אַז דוּ זֶעסְט וִוי אִיךְ עֶס פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִשְׁט אַלֵיינְס? אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁלוֹם בַּיִת קֶעי"ס, זִי הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת: "פַארְוָואס רוּפְסְטוּ מִיר נִשְׁט צוּ דַיין פְרִישְׁטָאג?"

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי גְמָרָא, אַזַא וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, גְלֵייבְּט מֶען אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, וֶועלְכֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה לִיגְט אִין דֶעם? אַ סוֹד פַאר מִיר! וִוילַאנְג לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ? אוֹיבּ מֶען אִיז זוֹכֶה - לֶעבְּט מֶען זִיבֶּעצִיג יָאר, (דִי עֶלְטֶערֶע בַּאבֶּעס זָאגְן אַלֶץ וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן שְׁטַארְבְּן: "**קְלַאפּ דַיין מוֹיל, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען**", עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, 'אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ', אָבֶּער אֲפִילוּ וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען נָאכְאַלֶץ דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ערה): "**הָעוֹלָם סוֹבְרִים שֶׁכְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ לֹא יָמוּתוּ, לֹא כֵן הוּא אֲפִלּוּ מָשִׁיחַ בְּעַצְמוֹ גַּם הוּא יָמוּת**", דִי וֶועלְט מֵיינְט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען נִשְׁט שְׁטַארְבְּן, עֶס אִיז נִשְׁט רִיכְטִיג, אֲפִילוּ מָשִׁיחַ אַלֵיינְס וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים), מֶען לֶעבְּט אָפּ דָא דִי פָּאר יָאר, פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן?

### וָואס אִיז זִי דִיר שׁוּלְדִיג?

אִינְגֶעלַייט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף זֵייעֶר וַוייבֶּער, "**אִיךְ קוּם אַהֵיים שַׁבָּת צוּפְרִי שְׁפֶּעט נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, אוּן דִי סְעוּדָה אִיז נָאכְנִישְׁט גְרֵייט, אַלֶעס לִיגְט נָאךְ פוּן נֶעכְטְן אוֹיפְ'ן טִישׁ, דִי טִישְׁטוּךְ אוּן דִי פַּאפִּיטֶעס...**" וָואס אִיז זִי דִיר שׁוּלְדִיג? וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין נֶעכְטְן שְׁלָאפְן פַאר'ן אָפְּרוּימֶען דִי טִישׁ?!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מוֹרָא פוּן דֶעם, אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִשְׁט אוֹיפְרֶעגְן שַׁבָּת צוּפְרִי וֶוען אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן אוֹיפְ'ן טִישׁ דִי שְׁרַיִים פוּן נֶעכְטְן, אִיךְ וֵוייס נִשְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ יָא קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן. וָואס טוּ אִיךְ? פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס גְלַייךְ נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן, נָאךְ הַשֵּׁם יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בְּשָׁלוֹם, נֶעם אִיךְ אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מֶען רוֹימְט צוּזַאם דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, מֶען לֵייגְט שׁוֹין דִי טִישְׁטוּךְ, דִי חַלָּה אוּן דִי מֶעסֶער אוֹיפְ'ן טִישׁ, אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי סְעוּדָה גְלַייךְ וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים שַׁבָּת צוּפְרִי פוּן שׁוּל, אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ נִשְׁט רֶעגְן; אוֹיף וֶועמֶען בִּיסְטוּ בְּרוֹגֶז? אֵיינֶער אִיז דִיר שׁוּלְדִיג? רוּים עֶס אַלֵיינְס צוּזַאם, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַבִּיסְל אַלֵיינְס צוּזַאמְנֶעמֶען נָאךְ דִי סְעוּדָה.

### חֶסֶד אִינְדֶערְהֵיים

מֶען מֶעג הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים, אֲפִילוּ מֶען בַּאקוּמְט נִשְׁט דֶערְפַאר קַיין פֶּערְמִיט (רְשׁוּת) צוּ קֶענֶען פַּארְקְן אִיבֶּעראַל... דֶער 'פֶּערְמִיט' וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אִין הִימְל. דָא אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָא אַלֶע עֶרְלֵיי חֶסֶד אָרְגֶענִיזַאצִיעֶס, הַצָּלָה, שׁוֹמְרִים, חֲבֵרִים, שְׁמוּרָה, מִתְעַסְּקִים, מֶען בַּאקוּמְט אַ פֶּערְמִיט אוּן טוּנְקֶעלֶע פֶּענְסְטֶער מִיט לַייטְס אוּן סַיירִינְ"ס, אוּן עֶס קוּמְט זִיךְ זֵיי, פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן אַזוֹיפִּיל חֶסֶד, אָבֶּער וָואס טוּט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים? אַז אִיךְ הֶעלְף אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ בִּין אַ הַצָּלָה, שׁוֹמְרִים, חֲבֵרִים, שְׁמוּרָה, מִתְעַסְּקִים אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶס נִשְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט?

דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דָאס נִשְׁט חָשׁוּב, אֲפִילוּ בַּיי אַ לְוַיָה רֶעדְט מֶען נָאר אַז דֶער נִפְטָר הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גֶעפִּיל פַאר אַנְדֶערֶע, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, פַאר'ן רָב וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִשְׁט גֶעהֶערְט עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶער בַּעַל הֶסְפֵּד אוּן זָאגְן: "**דָא אִיז אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁפָל אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סַבְלָן אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט אוּן אַרוֹיפְגֶעשַׁארְט דִי עֶרְמְל אוּן גֶעהָאלְפְן בָּאדְן דִי קִינְדֶער, גֶעהָאלְפְן צַאמְנֶעמֶען דִי הוֹיז**", אוֹיף דִי וֶועלְט רֶעדְט מֶען נִשְׁט פוּן דֶעם, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעדְט מֶען פוּן דֶעם, אִין הִימְל אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם - אֵיינֶער וָואס הֶעלְפְט אִינְדֶערְהֵיים.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִשְׁט גֶעוָואלְט זַיין בַּיים טִישׁ מִיט אַ אִיד וָואס הָאט נִשְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "**וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִשְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!**" מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִשְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ; אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן נֶעבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אֵיין טָאג בֶּעטְן: "נֶעם אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן"; אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.